# **פרשת פנחס - דברים י"ח תמוז - ט' אב תשע"ט לפ"ק**

***יום שני פרשת פנחס***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יהושע שטערן** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הצהרים יצא **רבינו שליט"א** לשדה התעופה בדרכו לעיר הינטערגלעם עסטרייך למנוחה.

*

***שבת קודש פרשת פנחס***

בליל שבת קודש השתתף **רבינו שליט"א** אצל עריכת השלחן של **כ"ק האדמו"ר מתולדות אהרן שליט"א**.

בשבת קודש אחר תפלת מנחה דרש **רבינו שליט"א** דרשת פרקי אבות בבית המדרש של המלון. אחר כך ערך **רבינו שליט"א** סעודה שלישית ביחד עם **כ"ק האדמו"ר מנדבורנא** (ב"ב) **שליט"א**.

* * *

***יום שני פרשת מטות מסעי***

בשעות הערב הגיע **כ"ק האדמו"ר מתולדות אהרן שליט"א** לביקור אצל **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** איך האב הנאה אז דער רבי איז געקומען באזוכען, וויל די גמרא (ברכות מב.) זאגט, תיכף לתלמיד חכם ברכה.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** די ברכה איז שוין דא. כל ביה עשרה קדמה שכינה ואתיא (ברכות ו.).

**רבינו:** דא איז דא וויניג אזעלכע באזוכערס.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** עס איז ב"ה צוגעשטעלט דא, א מקוה טהרה אויפן פלאץ. איך בין געווען ביים מאכן די מקוה, עס איז געווען אסאך שאלות און ספיקות, מען האט צוזאמגענומען אלע הידורים. עס איז א געוואלדיגע זאך אז עס איז דא אין די געגנט א מקוה. מקוה ישראל מושיעו בעת צרה (ירמיה יד-ח) עס ברענגט אלע השפעות טובות, עס ברענגט ישועות.

**רבינו:** רבי אהרן (גרינפעלד שליט"א, משגיח ראשי במלון) שטעלט אלעס צו דא, אז עס זאל זיין בתכלית הכשרות. די כיבוד האט ער אויך צוגערייט.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** די מקוה גרייט ער אויך צו, אז עס זאל זיין צוגעפאסט פאר יעדן איינעם. מיט א פילטער און אן א פילטער.

**הרב אהרן גרינפעלד:** מען דארף האבן א ברכה אויף סייעתא דשמיא.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** אוודאי. מיט דעם איז ער מצליח, וויל ער ווייסט אז ער דארף צוקומען צו סייעתא דשמיא.

**רבינו:** איך האב אים געזאגט, אז ער טוט זיין ארבעט באמונה.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** בחייו פונעם **העלמעצער רב** געדענק איך, אז ער האט געוואלט אסר'ן א פילטער אפילו אין א מענער מקוה.

**רבינו:** ער האט גע'אסר'ט. די וועלט האט עס נישט אנגענומען.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** דעמאלטס איז געווען וואס האבן מפני כבודו עס יא אנגענומען.

**רבינו:** ער האט געהאט אסאך בריון'ן (ראה בספרו **משניות טהרת יו"ט** (חלק ז') עשרות מכתבים בענין זה). מען זעהט אז אפילו ביי די חכמים איז געווען זאכען וואס עס איז נישט נתפשט געווארן די גזירות.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** דער עולם איז היינט זייער מפונק, און מען קען נישט אנדערש.

**א' מהנוכחים:** עס איז דא א מין פילטער וואס מען רופט אוזאו"ן. עס איז א מאשין וואס מאכט באבל"ס עס גיט ארויס א מין סינטעטישע לופט, וואס די לופט האט א כח, אז אויב עס איז דא שמוץ, שטופט עס אראפ אונטען. אסאך מקוואות האבען עס.

**רבינו:** עס איז נישט קיין פילטער, עס גייט נישט אריין אין א כלי, עס בלאזט נאר לופט.

**א' מהנוכחים:** און דאס איז אויך דא אין די מעין מקוה פון פאפא.

**רבינו:** עס איז דא א מימרא פון **שינאווער רב זי"ע**, אז א מקוה וואס דער **רמב"ם** האט נישט מתיר געווען (דדעת **הרמב"ם** (ה' מקוואות ד-ז) לאסור בנתן סאה ונטל סאה ברובו, **ובש"ך** (יו"ד סימן רא סקס"ג) חושש לדבריו), קען מען נישט אריינקומען אין היכל פונעם **רמב"ם**.[א]

---

[א] מתוך מכתב **הגה"צ אבדק"ק סאמבאטהעלי זצ"ל** (הובא **במשניות טהרת יו"ט** ח"ג מכתב מ"א) וזה לשונו: זכיתי הרבה פעמים לבקר את הגה"צ המפורסם **[רבי שאול בראן] מקאשויא זצ"ל** בביתו. ותמיד קירב אותי מאוד, ופעם אחת דיבר אתי זמן הרבה, ואז סיפר

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** מצד שני דער **חתם סופר** (**בשו"ת חתם סופר** יו"ד סימן רג) שרייבט די לשון (לענין מקוה של מי גשמים) 'לית טב מיניה'. דאס איז רוב כלל ישראל[ב]. - דא איז דא אסאך מעיינות, אסאך קוועלער וואס קומען אראפ. אבער איך ווייס נישט צו אין גאנץ אייראפע איז געווען. אין פרעשבורג איז געווען מעיינות?

**רבינו:** איבעראל איז געווען קוואלן, די שאלה איז נאר צו מען האט געקענט נוצן די קוואלן ארויפצוברענגען די וואסער. אלע מעיינות היינט איז אויך קונצליך ווי אזוי מען ברענגט ארויף די מעין אויף אויבן. עס איז געווען פלעצער וואו עס איז געווען מעיינות וואס מען האט געדארפט אראפגיין הונדערט שטיגן אין די מקוה, ביז מען איז אנגעקומען צום מעיין אונטען.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** מען זאגט נאך א מימרא פונעם **מאור ושמש**, אז דער **יוד הק'** האט געדאווענט שפעט, און זיינע תלמידים האבן אויך אזוי געטון, האט דער **מאור ושמש** זיי געזאגט, איר ווילט זיך פארגלייכן צום **יהודי הק'**, דער **יהודי הק'** איז אראפגעגאנגען יעדן טאג ניינציג טרעפ מיט א מסירת נפש, און עס איז נישט געווען סתם א קוואל, נאר מיט גאר קאלטע וואסער, מיט אזא מסירת נפש איז ער געגאנגען אין מקוה יעדן טאג, קען מען זיך פארגלייכען צו אים?! - עס איז נישט געווען לייכט אין די אמאליגע צייטן. מען האט נישט געווארעמט אינמיטן די וואך, נאר אויף ערב שבת. דער **תניא** האט שוין מתקן געווען אז מען זאל ווארעמען די מקוה.

**רבינו:** רוב פלעצער איז נישט געווען א ווארימע מקוה אינמיטן די וואך, און מען איז טאקע נישט געגאנגען אזוי ווי מען גייט היינט.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** דתבר גזיזא דברדא (ברכות יח:). עס איז מקובל ביי די זידיטשוב'ער אייניקלעך, אז דער **עטרת צבי** איז געגאנגען יעדן טאג פארטאגס אין טייך, ער האט צובראכען די אייז, און ער איז געזעצן דארט א האלבע נאכט און געלערנט זוהר, און דער **ראפשיצער רב** האט אים אמאל באזוכט, ווען ער איז נישט געווען געזונט, און ער האט אים געפרעגט, היתכן ונשמרתם מאד לנפשותיכם. האט ער אים געהייסען אריינלייגען די הענט אין מקוה, און ער האט געזעהן אז די וואסער איז געווען ווארעם[ג].

---

לי המעשה ממאגענדארף כעין זה. כי אב"ד דק"ק הנ"ל היה ברצונו לתקן את המקוה דשם, ולבנות עוד בור אחד, שלא יהיה חשש של נתן סאה ונטל סאה. כי מקוה חדשה של מעין לא היה ביכולתם לבנות, וגם בנין בור הזה היה גם כן בקישוים גדולים. והיה צריך לו להשתדל גם אצל אנשים שדרו בגלילותו שישתתפו לזה, עד שבהתאמצות מרובה עלתה בידו לגמור הבנין. וכשהיה אחר כך בשינאווא, סיפר זאת **למרן הגה"ק בעל דברי יחזקאל זי"ע**, והיה חושב שבודאי יכיר לו טובה על זה. והשתומם כי מרן ז"ל היה כמו בכעס עליו, ואמר לו, למה עשית חדשות, הלא הרבה צדיקים נולדו מטהרת מקוה הלז שהיה בקהילתו מקדם. ומה עושים אנשי ארץ ישראל שאין שם כלל מקוה של מעין, ועמד משתומם. ואחר כך הניח דעתו ואמר, שיש קבלה בידו, כי הנה ידוע שעובדי ה' אחר פטירתם יכולים לבקר בהיכל צדיקים שם בגן עדן, אבל הנולדים מטהרת מקוה כעין שהיה בקהילתו מקדם, אי אפשר להם ליכנס בהיכל **הרמב"ם**, יען שהוא אוסר מקוה הלז. כך סיפר לי.

[ב] ועיין בספר **ליקוטי הערות** על **שו"ת חתם סופר** שהביא חבל אחרונים שהאריכו לברר שיטת **החתם סופר** בענין החשש של נתן סאה ונטל סאה ע"ש. ועיין עוד **בשו"ת דברי יואל** (יו"ד ריש סימן עג).

[ג] בסעודת מלוה מלכה פרשת מטות-מסעי תשע"ח סיפר **רבינו שליט"א** עובדא הנ"ל בארוכה, ואחר כך הוסיף ואמר: וואס זעהט מען פון די מעשה? אז עס איז דא א עבודה אין א קאלטע מקוה, און עס איז דא א עבודה אז מען קען אנווארעמען א מקוה. אינמיטן ווינטער אז מען זאל קענען אנווארעמען א מקוה, איז א געוואלדיגע מדריגה.

נאר וואס מען דארף יא פארשטיין אין די מעשה, עס איז דאך א אמת'דיגע מעשה, **רבי אליעזר'ל דזיקוב'ער** האט עס פארציילט. וואס איז דער ענין אז ער דארף לערנען דוקא אין די מקוה, ער קען דען נישט זאגן תהלים אינדערהיים? ער האט זיך שוין געטובל'ט, פארוואס דארף ער נאך זיצען אין די מקוה, און זאגן תהלים, און לערנען דארט תיקוני זוהר, ער קען דאך טון די אלע זאכן אויך אין שטוב. מילא אן א מקוה האט ער נישט געוואלט, אבער וואס איז געווען די עבודה צו זיין אין די מקוה אזויפיל צייט, און עוסק זיין דארט אין תהלים און זיינע לימודים.

בפשטות איז דער ענין דערפון, וואסער איז א מקום טהרה, אויף יעדע מקום אין די וועלט איז דא א טומאה, און כל שכן טומאת ארץ העמים. די איינציגסטע פלאץ וואס איז ריין, עס האט נישט קיין טומאה, איז וואסער. וואסער איז נישט מקבל קיין טומאה, וואסער איז א מקום טהרה. עס שטייט אין די גמרא (מו"ק כה.) אז אויף א צדיק אין חוץ לארץ, איז נישט שורה קיין נבואה. מען קען נישט ווערן א נביא אין חוץ לארץ. און די גמרא פרעגט, אז מען זעהט אז יחזקאל הנביא האט געזאגט נביאות ווען ער איז געווען אין חוץ לארץ. זעהט מען אז אין חוץ לארץ איז אויך דא נביאות. ענטפערט

די גמרא אז טאמער ער האט שוין אנגעהויבן צו זאגן נביאות ווען ער איז געווען אין ארץ ישראל, קען ער שפעטער זאגען נביאות אין חוץ לארץ אויך. עס קען נישט חל זיין א רוח נבואה אין חוץ לארץ, אבער אויב עס האט שוין חל געווען אויף א נביא א רוח נבואה אין ארץ ישראל, קען ער זאגן נביאות אויך אין חוץ לארץ. א צווייטע תירוץ שטייט אין חז"ל (**ילקוט שמעוני** יחזקאל שלו), אז אזוי ווי יחזקאל האט געזאגט על נהר כבר, ער האט געזאגט זיין נביאות ביים וואסער. וואסער איז א מקום טהרה, עס האט אין זיך די קדושה פון ארץ ישראל, אזוי ווי ארץ ישראל איז טהורה, איז די וואסער טהורה, און עס קען חל זיין דארט נביאות, אפילו די ערשטע מאל אויך.

[ראה **בשמן ראש** חלק אחד עשר דברים דף תסו (שיצא לאור כעת) מביא **רבינו שליט"א**: 'ראיתי בחלום הלילה לפני זמן, צדיק אחד מהדור הקדום, שדיבר עמי מחשיבות הטהרה של מקוה. ובתוך דבריו אמר, כי העולם הוא מלא טומאה, ורק זוית אחת יש בעולם שאין הטומאה מגיע אליה, והוא המ' סאה של מקוה מים, שכל טומאה לא יוכל לשרות עליה לטמאה. ולא עוד אלא שהיא מטהרת כל טומאה שנכנס לתוכה. וחשיבות זו של המקוה לא ישאר לנו לעתיד, כי בגאולה העתידה רוח הטומאה יעביר מן הארץ, וכל העולם כולו תהא מלא טהרה דוגמת המקוה שיש לנו כעת. וזהו שאמר הכתוב (ישעיה יא–ט) כי מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים, שבזמנינו אלה אין לנו מקום טהרה בעולם רק המים אשר לים מכסים, אבל לעתיד תהיה כן כל העולם, ומלאה הארץ דעה את ה', שיהיה כל אויר העולם מטוהר 'כמים לים מכסים', דוגמת מי המקוה שיש בזמנינו, ואז יתבטל חשיבות הטהרה של מי המקוה עכ"ד ע"ש].

אזוי ווי ער האט געוואלט מעורר רחמים זיין, מיט תהלים און לערנען תיקוני זוהר, העכערע ענינים פון תורה, און צו דעם דארף מען האבן טהרה. עס שטייט אין **מאור ושמש** (ריש פ' אמור), אז אויב מען לערנט קבלה, און עס פעלט טהרה, קען עס אראפפירן פונעם ריכטיגען וועג. נישט נאר אז מען פארדינט גארנישט, נאר עס קען קאליע מאכען. דער **מאור ושמש** שרייבט, אז כת ש"ץ איז יצא לתרבות רעה, ווייל זיי האבן געלערנט קבלה, אן דעם וואס זיי האבן זיך גע'טובל'ט פאר דעם, און זיך מטהר געווען. – דער הייליגער **רבי הערש'לע זידיטשוב'ער** האט געוואלט לערנען בקדושה ובטהרה, פלעגט ער צו גיין אויפן טייך, און דארט פלעגט ער צו זאגען תהלים, ווייל עס איז דא דארט די טהרה פונעם טייך. עס איז אים אפילו כדאי געווען משנה צו זיין סדרי בראשית, אז די וואסער זאל זיין ווארעם, ער איז געווען נישט געזונט, אז ער זאל קענען זיין דארט.

אבער כדי מען זאל קענען אנווארעמען די וואסער, דארף מען קודם גיין אין אסאך קאלטע מקוה'ס. עס האט זיך נישט אנגעהויבן מיט א ווארימע מקוה, עס האט זיך אנגעהויבן וואס ער איז יארן געגאנגען אין קאלטע מקוואות. ווען עס איז געקומען א זמן פון פיקוח נפש וכדומה, האט ער נישט געהאט קיין ברירה, און ער האט עס אנגעווארעמט, אבער נישט אזוי הייבט מען אן צו דינען דעם אייבערשטען מיט די ווארימע מקוה. ווען מען דינט דעם אייבערשטען קודם מיט א קאלטע מקוה, קען מען נאכדעם אנווארימען א מקוה.

**רבינו:** איך האב געהערט פונעם **קלויזענבורגער רב זכרונו לברכה**, אז דער **ייטב לב** איז געווען א איידעם אין טאלטשעווע, און עס איז געווען גרויס עניות ביים **טאלטשעווער רב**, זיי פלעגן צו לערנען ווינטער ארומגעוויקלט מיט א דאכענע, און דער **ייטב לב** האט געזאגט, אז די איינציגע עולם הזה וואס ער האט געהאט ביים שווער איז געווען, אז צופרי ווען ער איז זיך געגאנגען טובל'ן, האט שוין דער שווער געהאט אויפגעבראכען די אייז בעפאר ער איז געקומען, און ער האט עס נישט געדארפט אויפברעכן.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** דער טאטע ז"ל האט איבערגעדרוקט דעם ספר יד יוסף, ער איז אויך געווען א איידעם ביים **טאלטשעווער רב**. שרייבט ער אויך אינעם הקדמה צום ספר, אז ער האט געלערנט צוזאמען מיטן שווער דער **טאלטשעווער רב**, און זיי האבן זיך איבערגעדעקט מיט א דאכענע. דער **יד יוסף** האט געהייסען **רבי יוסף יואל** (דייטש ז"ל). ער איז געווען **חאדרוב'ער רב**.

**רבינו:** עטץ זענטס איינִיקלעך פונעם **טאלטשעווער רב**?

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** מיין טאטע ז"ל איז געווען א אייניקל (זקינו אבי אמו **הרה"צ רבי משה דייטש זצ"ל** היה נכד **הגאון בעל יד יוסף זצ"ל**). דער **יד יוסף** איז געווען זייער שטארק מפורסם בימיו.

**רבינו:** דער **טאלטשעווער רב** האט געהאט מקבל געווען אויף זיך ווען ער איז געווארן זיבעציג יאר, אז ער נעמט אויף זיך צו טון א דבר טוב. ווען ער איז אלט געווארן זיבעציג יאר, האט ער געזאגט פארן **ייטב לב**, אז ער טראכט איינס פון די צוויי זאכען. אדער ער זאל דרוקען זיינע ספרים, אדער ער זאל ארויפגיין וואוינען קיין ארץ ישראל. און דער **ייטב לב** האט אים צוגערעדט, אז ער זאל ארויפגיין קיין ארץ ישראל. שפעטער איז ער געווארן רב אין צפת.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** דארט האט ער ארויסגעגעבן זיינע ספרים. ירא שמים יוצא ידי שניהם.

**רבינו:** וואס קומט טאקע פריער, דרוקען א ספר, אדער ארויפגיין קיין ארץ ישראל? די רבי טוט ביידע...

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** ווען דער **מהר"ם שיק** איז אמאל געווען מיטן **כתב סופר** אין איינע פון די בעדער, און ער האט געדארפט האבן א טור בית יוסף, האט ער געבעטן אז מען זאל גיין בארגען פונעם מהר"ם שיק, האט דער מהר"ם שיק געזאגט, אז ער קען נישט בארגען דעם טור, אבער ער פרעגט וועלכע סימן ער דארף האבן. און ער האט אפגעשריבן דעם סימן, און ער האט עס אריבערגעשיקט. שפעטער ווען ער איז צוריקגעקומען אויף א באזוך צום מהר"ם שיק האט ער געזאגט, אז ער וויל עס זעהן אינווייניג, האט ער אים געזאגט, אז ער האט נישט קיין טור בית יוסף, ער האט נאר אפגעשריבן פון זיין זכרון. און ער האט עס מורא'דיג מפליא געווען. אז אזא זאך איז נישט געווען ביים טאטן אויך נישט.

**רבינו:** עס איז הפלא ופלא, אז מען זאל קענען אפשרייבן א בית יוסף אויפן לשון, אין אבן העזר.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** דאס איז געווען אמאליגע וואקאציע'ס...

**רבינו: רבי שאול בראך** איז געווען א תלמיד פונעם **מהר"ם שיק**, ער האט געלערנט ביי אים סוף ימיו. און דער **מהר"ם שיק** איז סוף ימיו געווען א סגי נהור, ער האט נישט געזעהן. און ער האט פארגעלערנט פאר די בחורים גמרא רש"י תוספות, כאילו ער זעהט. אזוי שטייט אין **שאול בחיר ה'**. און ער האט פארציילט, אז די בחורים האבן אים געוואלט אמאל פריווען, צו ער זעהט טאקע נישט, צו ער זעהט נאר שוואך. האבען זיי אמאל אויסגעדרייט די גמרא צום פארלענען, און ער האט געגעבן דעם שיעור אזוי ווי מען קוקט אריין אינווייניג גמרא רש"י תוספות. – אז מען קען שרייבן א בית יוסף אויסנווייניג, קען מען גמרא רש"י תוספות אויך אויסנווייניג.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** עס איז באקאנט די ווארט פונעם **ייטב לב** אויף יתלה בביטול תורה (ברכות ה.).

**רבינו:** דער **מהר"ם שיק** האט געזאגט, אונז שפיר מיר נישט ביי אונז, אז מיר זאלן האבן ביטול תורה.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** ער האט געזאגט אז ער האלט שוין ביי פשפש ולא מצא.

**רבינו:** ער האלט שוין נאך פשפש, וואס עס איז יתלה בביטול תורה, און דאס האט ער אויך נישט[ד].- זיי האבן פלייסיג געלערנט.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** די ספרים טייטשן, אז יתלה בביטול תורה, ווייל טאמער ער וואלט געהאט תורה, איז אורייתא מודעת ליה חוביה (זוה"ק ח"ג כג.), וואלט ער געוואוסט.

דער **מהר"ם שיק** איז שוין געווען ביים **חתם סופר** אין די יונגע יארן. פון די צוועלף יאר.

**רבינו:** דער **חתם סופר** האט געוואלט נעמען דעם **מהר"ם שיק** פאר א איידעם, און ער האט אים געזאגט, איך הייס משה, אזוי ווי דער רבי. און אזוי ווי ער האט עס דערמאנט, האט שוין דער **חתם סופר** נישט געוואלט.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** דער **חתם סופר** האט געהאלטן, אז ביי א בן תורה דארף מען נישט חייש

---

[ד] בסעודת מלוה מלכה מוצש"ק פרשת וארא תשע"ג סיפר **רבינו שליט"א** העובדא וזה לשונו: סוף ימיו איז דער **מהר"ם שיק** נישט געזונט געווען, און דער **ייטב לב** איז אים געגאנגען באזוכן, ווען דער **ייטב לב** איז אריינגעקומען צום **מהר"ם שיק**, איז דער **מהר"ם שיק** געלעגן אין בעט, און דער **ייטב לב** האט אים געפרעגט, ווי אזוי ער שפירט זיך. האט דער **מהר"ם שיק** געזאגט, אז ער שפירט זיך נישט גוט, ער האט גרויסע יסורים. האט דער **מהר"ם שיק** געזאגט, אמת די גמרא (ברכות ה.) זאגט, אז ווען א מענטש זעהט אז ער האט יסורים, דארף ער מפשפש זיין אין זיינע מעשים. פשפש ולא מצא, יתלה בביטול תורה. האט דער **מהר"ם שיק** געזאגט, 'איך שפיר נישט ביי מיר, אז איך זאל האבן א עון פון ביטול תורה'.

אויפן וועג אהיים איז דער **ייטב לב** געווען זייער פארטראכט, עס האט אים אזוי איבערגענומען וואס דער **מהר"ם שיק** האט געזאגט, אז ער שפירט נישט ביי זיך א עון פון ביטול תורה. און ער רופט זיך אן צום הויז בחור, און ער זאגט אים, האסט געהערט וואס דער **מהר"ם שיק** האט געזאגט? זאגט ער, יא. פרעגט ער, וואס האסטו געהערט? האט ער געזאגט, ער האט געזאגט, אז ער שפירט נישט ביי זיך א עון פון ביטול תורה. ווי איינער זאגט, אז דאס איז א געוואלדיגע מדריגה. זאגט אים דער **ייטב לב**, עה, דו ביסט א בטלן. זאגט ער, די גמרא זאגט, אז ווען א מענטש באקומט יסורים זאל ער מפשפש זיין אין זיינע מעשים, פשפש ולא מצא, טאמער ער טרעפט נישט, דעמאלטס זאל ער עס תולה זיין אין ביטול תורה. זאגט דער **ייטב לב**, דער **מהר"ם שיק** האלט שוין נאך 'פשפש ולא מצא', ווייל אז נישט, איז דאך דא אנדערע זאכן אויף וואס די יסורים קענען קומען. דער **מהר"ם שיק** האט שוין אדורכגעקוקט אלע זיינע מעשים, און ער האט נישט געטראפן א זאך וואס ער האט נישט גוט געטון. איי עס איז נאך דא ביטול תורה, וואס עס איז זייער שווער אז א מענטש זאל אכט געבן דערויף, אז ער זאל נישט מבטל זיין דעם ובהם יהגה יומם ולילה, און ביי דעם זאגט ער אויך, אז ער שפירט נישט ביי זיך א עון פון ביטול תורה. עס איז א געוואלדיגע מדריגה וואס דער **מהר"ם שיק** האט געהאט.

זיין. (עיין **בשו"ת חתם סופר** אהע"ז ח"א סימן קטז, וראה עוד בספר **צוואת רבי יהודה החסיד** המפואר דף קצה שהאריך בזה).

**רבינו:** דער **חתם סופר** איז געווען א גברא קפדנא (ראה **בשו"ת חתם סופר** יו"ד סימן שמו), טאמער מען האט דערמאנט עפעס, האט ער מער נישט געוואלט צורירן דערצו מער.

עס שטייט אין **שאול בחיר ה'**, אז **רבי שאול בראך** איז אמאל אריין צום **מהר"ם שיק** בסוף ימיו, און ער האט אים געטראפען וויינען. האט ער אים געפרעגט, פארוואס ער וויינט. האט ער געזאגט, אז ער שפירט שוין אויף די עלטער ווי אזוי ער זעהט אויס. ווען איך וואלט עס געוואוסט, וואלט ער אנדערש געלערנט אין די יונגע יארן. שרייבט ער, האב איך געזאגט פארן רבי'ן, וואס וואלט דער רבי געטון, דער רבי וואלט געלערנט פינף און צוואנציג שעה אין א מעת לעת?! שרייבט ער, ונהנה. דער **מהר"ם שיק** האט א הנאה געהאט פון דעם וואס איך האב אים געפרעגט, און ער האט אים געזאגט, ניין מיין קינד, פלייסיגער לערנען פון וויפיל איך האב געלערנט וואלט איך נישט געקענט, אבער איך וואלט וויניגער געלערנט, און מער גע'חזר'ט. איך קען מער נישט קוקען אין א ספר, ווען איך וואלט מער גע'חזר'ט, וואלט איך מער געדענקט דאס לערנען.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** דער **חתם סופר** איז אמאל אריינגעקומען צום שיעור פונעם **מהר"ם שיק**, און דער **מהר"ם שיק** האט זיך אפגעשטעלט, או ער האט נישט געוואלט זאגען דעם שיעור פארנט פון זיין רבי. און ווען דער **חתם סופר** האט אים מפציר געווען צו זאגען ווייטער דעם שיעור, האט ער נאכגעזאגט די חידושים וואס דער **חתם סופר** האט געזאגט אויף דעם ענין.

**רבינו:** דאס איז געווען ווען דער **מהר"ם שיק** איז נאך געווען רב אין יערגען.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** די גאנצע געגענט דא, איז אלעס געווען פיל מיט די תלמידים פונעם **חתם סופר**.

**רבינו:** איך האב געזעהן א בריוו פון **רבי מאיר אריק**, **רבי מאיר אריק** האט געוואוינט א שטיק צייט, ביי די ערשטע וועלט קריג, אין ווינען, און נאך די קריג איז ער אהיימגעפארן. און אין ווינען איז ער געזעסן בכבוד גדול, מען האט אים שטארק מכבד געווען, עס האט אים גארנישט געפעלט. און ווען ער איז אהיימגעפארן קיין פוילן, האט מען זיך נישט אזוי אומגעקוקט, און ער האט געלעבט מיט א דחקות. האט איך געזעהן א בריוו ווי ער שרייבט, אז איך בין געווען אין ווינען, און עס דערקענט זיך דער כח פונעם **חתם סופר**, וואס האט אריינגעלייגט א דרך ארץ פאר רבנים, אז מען זאל מכבד זיין תלמידי חכמים. - מיט הונדערט יאר שפעטער האט ער תולה געווען, אז די כיבוד וואס די תלמידי חכמים האבן, שטאמט פונעם **חתם סופר**.

**האדמו"ר מתולדות אהרן:** דער רושם פונעם **חתם סופר** איז ווייטער געבליבן. משה אמת ותורתו אמת.

**וכיבדו רבינו לברך על הפירות**

**אחר שטעם האדמו"ר מתו"א שאל רבינו: איך קען טיילען שיריים? וחילק לכל הנוכחים מהפירות ודיברו עוד אודות דין ברכת ענבים בלי גרעינים, ובדבר אתרוגי מאראקא וכו', ונפרדו לשלום**

*

***יום רביעי פרשת מטות מסעי***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לשדה התעופה בעיר מינכען בדרכו חזרה לעיר ניו יארק. בשעות המאוחרות הגיע **רבינו שליט"א** למעונו במחנה מתיבתא נחלת יעקב, ונתקבל על ידי בחורי הישיבה, שעברו לברכת שלום.

*

***יום חמישי פרשת מטות מסעי***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **אלי' בצלאל** (ב"ר חיים יהודא) **שפיטץ** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש בשכונת פארעס"ט פאר"ק. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

*

***שבת קודש פרשת מטות מסעי***

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים (מתוך הספר שיחתן של עבדי אבות). בברכת המזון נתכבד הר"ר **שמואל ראאב** הי"ו.

***וזה תוכן הסיפורים*** *(מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם)****:***

*שמעתי מהגה"צ משאץ זצ"ל, שהרה"ק מרוזין זי"ע כשהוכרח לנוס מרוסלאנד, וביקש מקום להתיישב באחת המקומות במדינת בוקאווינא שנמלט לשם, בקשו שלוחיו עבורו מקום מתאים, וכולם סירבו. עד*

שהגיעו **להרה"ק בעל תורת חיים מקאסוב** **זי"ע**, ואמר להם, אפילו המחותן (בנו בעל צמח צדיק מוויזניץ זי"ע היה חתנו) היה רוצה לישב על ראשי הייתי מסכים. וכשהחזירו התשובה **להרה"ק מרוזין** השיב בשמחה, בזכות זה אני מבטיחו שיזכה למלכות עד ביאת משיח.

**והסביר רבינו:** ער זאגט אז מען איז געקומען צו די שטעטלעך, און מען האט נישט געוואלט אז דער **רוזינ'ער** זאל אהין קומען וואוינען. און דער **תורת חיים** האט יא מסכים געווען. מען זאל נישט מיינען אז דאס האט צוטון מיט קנאה וכדומה, מען האט מקנא געווען אז עס קומט א צווייטער צדיק אין די שטאט, און מען האט נישט געוואלט אז ער זאל קומען. נאר מען האט אסאך מאל געשפירט אז ווילאנג עס איז נאר דא איינער אויפן פלאץ, קען מען אויפטון פאר דעם ציבור וואס מען דארף, אבער ווען עס קומט אריין נאך איינער אין די שטאט, דבר אחד לדור ולא שני דברים (סנהדרין ח.), אויב עס איז דא צוויי מנהיגים ווערט עס צוטיילט, עס איז דא די פארטיי, מיט יענע פארטיי. עס איז נישט געווען א פערזענליכע זאך וואס מען האט נישט געוואלט אז מען זאל קומען, נאר מען האט געפילט אז אויב עס וועט זיין א צווייטער, וועט עס אוועקנעמען דעם כח אז מען זאל קענען אויפטון אין די שטאט. וועגן דעם האבן זיי נישט געוואלט אז מען זאל קומען.

**דער תורת חיים** האט יא מסכים געווען אז ער זאל קומען. און ער האט זיך אויסגעדרוקט, אפילו ער זאל זיצן אויף זיין קאפ, איז ער אויך מסכים. בפשטות מיינט עס צו זאגען, אז איך געב אים אוועק דאס מערסטע וואס איך קען, אפילו צו זיצען אויף מיר. אבער ער האט געמיינט צו זאגען, אז אפילו ער וועט זיצען אויף מיין קאפ, מיין קאפ וועט נישט קענען געהעריג אויספירן, וואס איך דארף אויספירן ביי די חסידים. איז ער גרייט מוותר צו זיין, אז דער רוזינער זאל קומען. דאס איז געווען די נקודה וואס ער האט ארויסגעברענגט, אז אפילו ער וועט אים זיצן אויפן קאפ, איז ער דאך מסכים. דאס הייסט אז ער האט זיך אינגאנצן מבטל געווען פארן הייליגען **רוזינער**. און פארדעם האט ער אים אנגעוואונטשען, אז ער זאל זוכה זיין צו זעהן ביי די קינדער מלכות, עד ביאת המשיח.

*

סיפר **הגאב"ד הגה"צ רבי העניך פאדווא זצ"ל** ששמע **מהגאון מטעפליק זצ"ל** בשם אביו ז"ל. שבימי **הרה"ק מרוזין זי"ע** היה מורה הוראה, שהגיע אליו אחד בשאלה ביום הכיפורים שמרגיש לא טוב, ויעץ לו לצאת החוצה לשאוב אויר צח. ולסוף רבע שעה הוציא הנ"ל את נפשו רח"ל. המורה הוראה נכנס בפחד ורעדה **להרה"ק מרוזין זי"ע**, שמרגיש בנפשו חטא רציחה, ומבקש תיקון לזה. השיב לו **הרה"ק מרוזין זי"ע**, מעתה תקבל עליך, שכל שאלה כזו, תורה היתר בלא שהיות, לצורך הצלת נפשות, וזה תהיה תשובת המשקל. [ער האט נישט געמיינט מתיר צו זיין סתם אין די וועלט אריין אויף תעניתים, אבער על כל פנים מען זאל נישט מחמיר זיין אין תעניתים].

**והוסיף רבינו:** די וועלט זאגט נאך אויף די בריסקער רבנים, אז זיי זענען געווען שטארקע מקילים אין די הלכות פון תענית, און אין אנדערע זאכען זענען זיי געווען גרויסע מחמירים. האט דער **בריסקער רב** געזאגט, אז ער איז נישט א מקיל אין תעניתים, נאר ער איז א מחמיר אין פיקוח נפש. פיקוח נפש איז אויך א מצוה, און ער איז א מחמיר, אז אפילו עס איז נאר דא איין פראצענט אז עס איז נוגע צו פיקוח נפש, האט ער אוועקגעקוקט אויפן תענית, אלץ א חומרא אין דין פון פיקוח נפש.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**

* * *

***יום ראשון פרשת דברים***

בשעות אחר הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של הבחור החתן **אהרן** (ב"ר **ישראל מרדכי** הי"ו) **ווייסבערג** נ"ו (תלמיד ישיבתנו הק'), עב"ג בת הר"ר **ארי' פרענקל** הי"ו.

אחר כך נכנסו תלמידי הישיבה גדולה להיבחן אצל **רבינו שליט"א** על החזרה של שו"ע (סימן של"ו – ש"מ) שלמדו במשך זמן הקיץ.

בשעות אחר הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של הבחור החתן **צבי** (ב"ר שמואל מאיר הי"ו) **פשערהאפער** נ"ו, עב"ג בת הר"ר **יעקב ישעי' גאלדשטיין** הי"ו.

*

***יום שני פרשת דברים***

בשעות אחר הצהרים הגיעו לבית **רבינו שליט"א** תלמידי ישיבת דרכי נועם, **ורבינו שליט"א** השמיע לפניהם דברי חיזוק.

***וזה תוכן הדברים:***

**איך** האב פריער געזאגט פאר ענקער ראש ישיבה (**הרה"ג רבי חיים שלמה אדלער שליט"א**), אז ער האט א געוואלדיגען זכות. איך באקום צוריק גוטע גריסן פון די בחורים, אז מען געפונט זיך זייער פיין אין דעם מקום תורה. דער אייבערשטער זאל העלפן, אז מען זאל עס קענען ווייטער ממשיך זיין.

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, אז משה רבינו האט געבענטשט יודען, און ער האט זיי געזאגט, והנכם היום ככוכבי השמים לרוב (דברים א-י), עטץ זענטס אזוי ווי די שטערנס אין די הימל. רש"י (שמות א-א) ברענגט צו, אז ווען מען וויל געבן א משל אויף יודען, אז דער אייבערשטער איז מחבב יודען, איז ער זיי מדמה צו כוכבים, צו די שטערנס. המוציא במספר צבאם, לכולם בשם יקרא (ישעיה מ-כו), דער אייבערשטער ציילט די שטערנס יעדן צופרי. דער אייבערשטער האט אזויפיל מיליאנען שטערנס, און פון דעסטוועגן דאך איז יעדער שטערן ביי אים נישט סתם א נאמבער, נאר 'מונה' מספר לכוכבים, יעדער שטערן איז עקסטער געציילט ביים אייבערשטען. און אז דאס איז ביי א שטערן, איז א כל שכן ביי א מענטש. יעדער מענטש האט א עקסטערע קשר מיטן אייבערשטען, ער איז נישט אריינגעפאלען אין די וועלט, און ער איז איינס פון מיליאן, נאר יעדער איינער האט זיך זיין חשבון מיטן אייבערשטען.

**די** שטערנס לייכטן. אבער זיי לייכטן נישט בייטאג, נאר ביינאכט. בייטאג זעהט מען נישט די ליכטיגקייט פון די שטערנס. עס איז די זעלבע שטערנס, אבער מען דערקענט עס נישט. ביינאכט הייבן זיי אן צו לייכטן. יעדער יוד לייכט, אסאך מאל דערקענט מען נישט די שיינקייט פון א יוד, אבער ווען עס איז טונקל אינדרויסן, עס איז א פינסטערע וועלט, און מען קוקט אן ווי אזוי א יוד פירט זיך אויף, לייכט יעדער יוד אזוי ווי א שטערן. והנכם היום ככוכבי השמים, עטץ זענטס אזוי ווי די שטערנס פון הימל, בשעת עס איז פינסטער אויף די גאס.

**יודישע** קינדער לייכטען, יעדער האט א עקסטערע ליכטיגקייט אויף זיך, א עקסטערע אור. מען זיצט און מען לערנט און מען דינט דעם אייבערשטען, ער איז אינגאנצן נישט דומה צו די גאס. שלא עשנו כגויי הארצות, ולא שמנו כמשפחות האדמה, מיר זענען נישט אזוי ווי די גוים, מיר ווילן נישט זיין אזוי ווי זיי, מיר ווילן זיך נישט צושטעלן צו גיין אין זייערע וועגן. אונז לייכט מיר! און ווען עס איז פינסטער אינדרויסן, דעמאלטס לייכט מען מער.

**איך** פיל איך דארף זאגן אביסל חיזוק פאר די בחורים וואס זענען שוין אביסל עלטער, מען איז שוין נישט קיין זיבעצן און אכצן יאר, און מען געפונט זיך אין א מסגרת פון א ישיבה. מען שטעלט צו פאר די בחורים אלעס וואס זיי דארפן האבן, און די עיקר, די ווארימקייט וואס מען דארף האבן. איך שטעל מיך פאר, אז יעדער פון ענק גייט אדורך א שווערן זמן. מען ווערט עלטער, שידוכים, וכדומה. און מען דארף האבן אסאך חיזוק נישט צו פאלן, און נישט צו זיין געפאלען ביי זיך. עס וועט אנקומען אי"ה פאר יעדן איינעם זיין זיווג, איין טאג וועט עטץ אלע אי"ה זוכה זיין צו זיין חתנים מיטן אייבערשטענס הילף. אמאל דארף מען נאר אויסווארטן ביז עס קומט אן די ריכטיגע, אבער מען טאר נישט זיין צובראכען ביי זיך. מען דארף זיך מחזק זיין, און וויסן אז איך בין א שטערן! איך גיי נישט נאכגיין נאך די גאס, איך וויל נישט זיין אזוי ווי די גאס, איך וויל זיין א בן ישיבה, איך וויל זיך ווייטער פירן אין א מסגרת פון א ישיבה, זיך צושטעלן מיט וואס מען קען. **עס איז זייער גרינג צו צוברעכן א ישיבה, און עס איז זייער גרינג מחזק צו זיין. צוברעכן איז טייטש, ווען א מענטש גייט אקעגן די סיסטע"ם, מען דארף נישט אלעס פאלגען, מען דארף נישט אלעס טון. אבער פון די אנדערע זייט צוברעכט עס יעדן איינעם. און מען דארף געבן חיזוק פארקערט, אדרבה לאמיר זיך מחזק זיין, לאמיר זיין א גוטע קבוצה צוזאמען, לאמיר זיך צוזאמהאלטן איינער מיטן צווייטען, און איינער טוט מחזק זיין דעם אנדערן.**

**א** ישיבה איז געמאכט צו לערנען, אבער עס איז אויך געמאכט אויפצוהאלטן, אז א יוד זאל זיין א יוד. די אלע וואס האבן נישט געהאט שכל אזוי ווי ענק, זיך צו געפונען אין א מסגרת, די אלע זענען שוין לאנג פארפאלען געווארן, עס איז שוין לאנג נישט

דא פון זיי קיין זכר. עטץ קענטס זיי אסאך בעסער ווי איך קען זיי, יעדער פארשטייט וואס איך מיין. ווילאנג מען האלט זיך אין א מסגרת פון א ישיבה, איז מען ערליך, מען איז א יוד, און מען פירט זיך ווי עס דארף צו זיין. עס איז גוט פאר שידוכים, און פאר אלעס וואס מען דארף האבן.

**לימוד** התורה איז איין חלק. די וועלט שטייט אבער נישט נאר אויף תורה אליין, נאר על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים (אבות א-א). עבודה איז תפלה, דאווענען. **דאווענען קען יעדער איינער, מען דארף נישט זיין א תלמיד חכם דערצו, מען דארף נישט האבן א גוטע קאפ דערצו, עס איז נישט קיין נפקא מינה די יארן וואס מען איז, תפלה איז א זאך וואס א יוד איז זיך מחבר דערמיט צום אייבערשטען.** אונז גלייב מיר אז דער אייבערשטער איז א שומע תפלת כל פה, עס איז נישט דא קיין איין תפלה וואס א יוד האט געדאווענט, וואס איז אוועקגעווארפען געווארן. עס איז נישט דא. אלעס ליגט אויבן אוועקגעלייגט ביים אייבערשטען. אסאך מאל איז דא, אז עס נעמט צייט ביז די תפלות ווערן געענטפערט. מען דארף דאווענען, **און מען דארף דאווענען ווי א יוד דארף דאווענען, נישט אפכאפן דאס דאווענען, דאווענען ווארט ביי ווארט. מען האט צייט, מען יאגט זיך נישט, דאווענען מלה במלה. דאווענען לויטן סדר, קודם זאגט מען די עקידה, און נאכדעם דאווענט מען פון פארנט, און נאכן דאווענען איז דא די תפלות וואס מען זאגט, וואס מען קען זיך צושטעלן, און פילן א תענוג אין וואס מען טוט.** דאס איז די חלק פון עבודה.

**גמילות** חסדים, זיך ארויסהעלפן איינער פארן צווייטען. יעדער איינער דארף האבן ווערטער פון חיזוק, מען דארף הילף אין געוויסע זאכען איינער פונעם אנדערן, און עס איז א געוואלדיגער חסד וואס מען געפונט זיך צוזאמען, און מען טוט ארויסהעלפן איינער דעם צווייטען מיט וואס מען קען. עס איז יעצט די טעג וואס מען איז מתאבל אויפן חורבן פונעם בית המקדש, וואס עס איז געווען שנאת חנם, זיי האבן נישט ליב געהאט איינער דעם אנדערן. פון די גמרא (יומא ט:) איז משמע, אז נישט מען האט זיך געשלאגען איינער מיטן אנדערן, נאר זיי זענען געזעסן צוזאמען, און זיי האבן זיך געשטאכען בחרבות שבלשונם, מיטן מויל. מען האט יענעם ווי געטון, מען האט געזאגט א ווארט, א שלעכט ווארט, און דאס האט צוגעברענגט דעם חורבן פונעם בית המקדש. מען קען אמאל זיצן צוזאמען, און עס פעלט די ליבשאפט צווישן איינעם און דעם אנדערן. מען דארף זיך היטן דאס מויל. **וואס ער וויל נישט אז מען זאל זאגען פאר אים, זאל ער נישט זאגן פארן חבר.** יעדער איינער דארף וויסן די חשיבות דערפון, וואס עס מיינט גמילות חסדים, ארויסצוהעלפן איינער פארן אנדערן.

**דער** אייבערשטער האט ענק געהאלפן, אז עטץ געפונטס זיך אין אזא גוטע סביבה. האלטס עס אן! זייטס ממשיך דערין, טוטס ענק מחזק זיין איינער דעם אנדערן. דער אייבערשטער וועט העלפן אי"ה, אז מען וועט קענען ביי ענק הערן בקרוב גוטע בשורות, מתוך שמחה וטוב לבב.

*

***<u>יום שלישי פרשת דברים</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **מרדכי וויינבערגער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***<u>יום שישי פרשת דברים</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יואל ווערצבערגער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***<u>שבת קודש פרשת דברים – תשעה באב</u>***

במוצאי שבת אחר אמירת מגילת איכה (על ידי הרה"ג רבי שמשון ראאב שליט"א), למד **רבינו שליט"א** המדרש על חורבן בית המקדש (פתיחתא לאיכה רבה פסקה כד).